פארריבט

ב"ב - ר"ת פון בבא-בתרא, בעל-ברית, בעל-בית.

בבא [באווע] - מצ בבות [באוועס]. אן אפשניט, קאפיטל, חלק פון א בוך. מיט 'בבא' ווערן באצייכנט אין משנה און אין גמרא די ערשטע דריי מסכתות אין סדר נזיקין (בבא-קמא, בבא-מציעה, בבא-בתרא).

בב"א - ר"ת פון במהרה בימינו אמן. % אז משיח וועט קומען, בב"א, וועלן אלע יידן לעבן אין ארץ-ישראל.

בבא-בוך [באווע-בוך] - דאס/דער. א פאנטאסטישע מעשה וועגן פרינץ בבא דאנטונא, פארפאסט אין יידיש פון אליהו בחור (אליהו בן אשר הלוי אשכנזי) אין יאר 1507, געדרוקט צום ערשטן מאל ביים לעבן פון מחבר אין 1541 אין איז דערנאך באארבעט אין איבערגעדרוקט געווארן צענדליקער מאל מיט נאמען 'בבא-בוך'.

1951 " דאס 'בבא-בוך' איז אין די יארן 1824 - 1860 דערשינען אין נייע, דורכויס פראזע-באארבעטונגען צען מאל". י. שאצקי, זב ליטע I, נ"י, ז' 729.

בבא-בתרא [באווע באסרע] - די. נאמען פון דער דריטער מסכתא פון סדר נזיקין אין משניות, באהאנדלט דינים פון חזקה, ירושה און סכסוכים וועגן געלט-ענינים.

[195...] " אין בבא-בתרא (צח/ב), רעדט זיך וועגן דער גרייס פון א זאל פאר א חתונה און דארטן איז פאראן 'אורח מכניס אורח'". ימ, ייבל XLI.

ב ב א - מ ע ש ה | באוו-מײַסע | - די, 1. די מעשה וועגן דעם פּרינץ בבֿא (בבא-בוך).

1873" טויזנט און איין נאכט, 'צענטוריע=ווענטוריע; 'בבא=מעשה' וכדומה, וועלכע איך האב געשמאק געלייענט." ממוס, קליאטשע, קאנק: 53850.

2. [באבע-מײַסע] אן אומגלייבלעכע זאך, אן אויסגע-טראכטע מעשה ( אויך באבע-מעשה ---> ). % וואס דערציילט ער אונדז בבא-מעשיות!

... " מיר זיינען דאך עפעס נישט קיין קליינע קינדער, וואס מע וועט אונדז דערציילן בבא-מעשיות!" שע, דאס גרויסע געווינס, ציט דראמאטישע שריפטן, נ"י, 1942, ז' 192.

|| בבא-מעשהדיק - אדי. ווי א בבֿא-מעשה, פאנטאסטיש, אויסגעטראכט.

1912" אין די אלטע צייטן זענען וועגן דעם אנפאנג פון נילוס אומגעגאנגען פיל בבֿא-מעשיות. אנדערע לעגענדען, כמעט נאך מער בבא-מעשהדיקע, [...] האבן איבערגעגעבן, אז [...]". איבז פ. מ. פ. מעלגונאוו, די אלגעמיינע געשיכטע. די מזרח פאלקער פון דער אלטער צייט, ווארשע, ז' 292.

ב' ב א - מ צ י ע ה [באווע-מעציע] - די, בא. נאמען פון דער צווייטער מסכתא אין סדר נזיקין פון משניות, באהאנדלט די דינים, וואס האבן א שייכות צו פארלירן און געפינען, צו שמירה און שומרים און אויך דינים וועגן פראצענט און ארבעטער-געזעצן.

ב ב א ן [באַוועַן, באָבען] - אוטוו. אויסטראַכטן זאַכן, אויסקלערן מעשיות, ליגנס. [קטור. מדרשי].

ב ב א - ק מ א [באָווע-קאַמע] - די נאָמען פון ערשטער מסכתא אין סדר נזיקין פון משניות, באַהאַנדלט דינים וועגן אַלערליי שאָדנס, וואָס מענטשן אָדער בהמות זיינען גורם.

" רב חיים חנה [...] איז געזעסן [...] איבער דער גמרא און געלערנט מיט די תלמידים [...] די גמרא בבא-קמא". שע, אָרעמע און פריילעכע ! דער פּאַרכישופֿטער שניידער, ז' 23.

ב ב ו ק ר ת א מ ר מ יי י ת ן ע ר ב [באַבויקער טוימאַר מי ייִטען ערעוו] - ( לל ) אין פרימאָרגן וועסטו זאָגן: הלוואי וועָרט אוונט". ( דב' כ - 67 )

א באַצייכענונג פון א שלעכטן, האָפנונגסלאָזן מצב.

ב ב ו ש ת - פ נ י ם [בעווישעס-פּאָנים] - אדוו. ( לל ) פאַרשעמט, דערנידערט.

1968" דער פעטער איז אוועק אהיים בבושת-פנים"

מ. מ. שאַפיר, דער שטערן-וואָגן, מאָנטרעאַל, ז' 36.

ב ב ח י נ ת ... [ביווכינעס] - פרעפ. אין דער בחינה, אין דער ראַל, קאַטעגאָריע, אין דעם באַגריף [פון...].

1945" איז דער מענטש בבחינת מוראשקע?". באַריישא, דער גייער, נ"י, ז' 262.

1957" עס איז דאַ א באַהאַלטענע ליבשאַפט צו השם יתברך אין יעדן איינציקן יידן [...], דער זינדיקער

ייד ווייסט פון איר לגמרי ניט, ווייל זי איז ביי אים בבחינת שינה: זי איז איינגעשלאפן ערגעץ טיף אין אים". ( תניא, פרק י"ט ). ציט, ה. צייטלין, ארייגפיר אין חסידות און דער וועג פון חב"ד, נ"י, ז' 190.

1961/62 " איז וואס זשע ווילסטו, שלום?-מדרגה וויל איך. הנאה, וואס זאל זיין בבחינת זהב טהור". אפא, גה, נ' 42, ז' 93.

בבט"ח - ר"ת. ( לל ) מנעמאנישער סימן ווען מ'זאגט גאנץ הלל: ב - די ערשטע צוויי טעג פסח, ב - ביידע טעג שבועות, ט - די ניין טעג סוכות, ח - די אכט טעג חנוכה.

בבירור [בעוויירור] - אדוג. ( לל ) קלאר, מיט אפענע דיבורים. % ס'איז דאך קלאר וואס די ביסט אויסן, איז זאג אפן, בבירור, וואס דיך קוועטשט!

בבל [באוול] 1. הויפטשטאט פון דער אמאליקער מלוכה בבל, איינע פון די בארימטסטע און עלטסטע שטעט אין אלטן מזרח,ביים טייך פרת; אין 16טן י"ה פ"קר האט דער קעניג פון בבל נבוכדנאצר איינגענומען א"י, פארברענט דעם ערשטן בית-המקדש און א גרויסן ט מייל יידן אוועקגעפירט אין בבל, און דעמאלט איז בבל געווארן דער גרעסטער גייסטיקער צענטער פון די יידן נאך א"י.

1873" סעמיראמידע, די קעניגן פון בבל, האט אויף דער עלטער אנגענומען דעם געשטאלט פון א טויב".

ממום, קליאטשע, קאנק: 46270.

1951" ליטע מיט אירע אומבאשטימטע גרענעצן, אבער א גרויסער תורה-צענטער, ווערט אפט פארגליכן צו בבל".

א. קאצענעלנבאגען, זב ליטע !, ז' 353.

2. ( פיג ) סימבאל פון כאאס, צעמישעניש. (~~—א~~ ב"ב ).

( ~~—~~ בבל - טורעם ).

1920" אפשר זיינען זיי דעגענעראטן, פסיכיש קראנקע מענטשן, נעבעך, בא וועלכע אין די מוחות הערשט א פולער מיש-מאש פון אלערליי באגריפן און ווערטער און אין די הערצער א גאנצער בבל פון קעגנזעצלעכע איינפולסן".

זש' דער קאמוניסט, נ' 5, כארקאוו, ז' 7.

... " גערעדט האבן זיי א בבל פון לשונות: דייטש, ~~xxxx~~ אונגאריש, פויליש, באשניש, טשעכיש, יידיש".

באש, די פאמיליע מושקאט, ז' 455.

0 בבל-טורעם - דער. 1. דער טורעם וואס די ערשטע מענטשן האבן אנגעהויבן בויען אינעם לאנד שנער, ער זאל דערגרייכן ביז צום הימל ( בראשית יא - 4 ).

2. ( פיג ) באצייכענונג פאר א הויכן בנין, א וואלקנקראצער.

3. דזוו בבל, ב 2.

1974" די היץ איז געווען גרויס, די ענגשאפט שווער צו דערטראגן, עס איז געווען א סכנה די שיף זאל נישט פארוואנדלט ווערן אין א בבל-טורעם פול מיט כאאס".

י. עלבערג, אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 353.

בבל =שפראך - די, =ן. געמיש פון לשונות, דיאלעקטן
( אין חומש ווערט דערציילט, אז ווי א שטראף דערפאר,
וואס יידן האבן זיך גענומען בויען דעם בבל-טורעם,
האט גאט צעמישט זייער שפראך ).

ם
1. --->

... " אדרת שנער - איינא קוצא וון בבל". רייכלין 8,
יהושע, ז' כא.

1691 " ( הוי הוי ) שרייאט אויז ( ונוסו ) דז זי זאלן
ארויז פליהן די ישראל ( מארץ צפון ) פון בבל".
סהמ, זכריה, ב-10, פראג.

ב ב ל !! - סחורה באוול.

ב בֿ ל ד י ק [באוולדיק] - אדי. ( שנש )הימל הויך,
טורעמדיק.

1921" איך קלאפ אריין דעם ערשטן צוויאק אין דיינע
פליגל אויף דיינע הויכע, קופע, בבלדיקע ווענט".
פמ, די קופע, ווארשע, ז' לא.

ב ב ל י [באוולי] - 1. דער, =ן. איינוווינער
פון בבל, א באבילאנער.

1926" דאס שענסטע פון אונדזער לאנד איז אריינגעקומען
אין די הענט פון די בבלים". סדר סליחות,
ווארשע, ז' 35.

2. אדי. פון בבל, בבליש.

1951" דער גאון האט זיך ניט באגרענעצט אין זיין לערנען
מיטן תלמוד בבלי; ער האט אויך דורכגעשטודירט דעם

גאנצן תלמודישן תורה-אוצר". ל. גינצבורג, זב ליטע I, נ"י, ז' 535.

ב ב ל י א נ י ש | באווליאניש | - אדי. (ארכ?)

וואס שייך צו בבל, בבליש, פֿון בבל, באַבילאָניש.

1900" |אייניקע יידן | האבן זיך אין די קורצע צייט זא צוגעווינט צו די בבליאנישע זיטן, דאס זיי האבן פון זייער פאלק ניט מער געוואלט וויסן". ש. בראמבערג, דיא גאולת ישראל, לאנדאן, ז' 18.

ב ב ל י ש | באווליש | - אדי. פון בבל; באבילאניש.

1921" היי, פּסגייער בלינדע אויף וועג פון בית לחם, // די צימבלען אראפנעמט פון בבלישע טעכער [-טייכן]". פמ, די קופע, ווארשע, ז' ט.

2. דאס, בא. די שפראך פון די בבלים.

1973" אין בבל האבן די גולים איבערגענומען [...] בבליש, איינעם פון די ווואריאנטן פון דער ארמישער שפראך". מורג I, נ"י, ז' 59.

ב ב ל = מ ו י ד - די, מצ ~ מיידן. (איר)

פארזעסענע מויד, מיידל וואס מע קאן זי ניט חתונה מאכן.

1972 " ארויסגעפאטערט די בבל-מויד און האט מער ניט קיין עול אויפן קאפּ". צאנין, ליבשאפט, ז' 229. [...]

ב ב ל = ק ו נ ה ---> באוול=קונה.

ב ב ש ר ו [ביוווסארוי] (גל) אדוו. אליין, פערזענלעך, גופא.

1972" טרעבלינקע - ווו בבשרו איז ער טאקע נישט געווען".

א. פאזי, עיקר=מאטיווען, זש' צוק, דעצ, 1972.

ב ב ת - א ח ת | בעבאס- אכאס | אדוו. (לל) מיט איין מאל, אין איין אטעם. % ער האט אפגעזאגט אלץ בבת-אחת, מיט איין שאס.